פרשת כי־תשא ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מג ||| שנה ב'

# הבינוני

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

**פטרון סדר שמות**
ע"י אחד מבני החבורה
לעילוי נשמת אביו ע"ה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

## בך בטחתי

## ה' רועי לא יחסר;
### פאַר'ן בעל בטחון פעלט קיינמאָל נישט קיין מזונות

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"ג, יום א' פרשת נח כ"ח תשרי שנת תש"פ

א

## לֹא יִבָּצֵר מִמֶּנּוּ מְזוֹנוֹ; בטחון איז אַ פאַרזיכערונג נישט צו ליידן פון קיין הונגער

מיר האַלטן אינמיטן דער פּתיחה פון 'שער הבטחון' וואו דער מחבר רעכנט אויס צען זאַכן וויאַזוי דער בעל בטחון באַקומט אַסאַך אַ גרעסערע מנוחת הנפש און ער איז רואיגער פון איינעם וואָס האָט די בעסטע פּרנסה, נעמליך אַז ער קען איבערדרייען אַלע סאָרט מאַטעריאַל צו גאָלד און זילבער.

אַצינד לערנען מיר די זיבעטע תועלת פון דעם בעל בטחון, מיט וואָס דאָס לעבן איז אים בעסער און געשמאַקער ווי דעם 'בעל האלכימיה'.

**וְהַשְּׁבִיעִי: שֶׁבַּעַל הָאַלְכִּימְיָה אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא יַגִּיעַ אֶל מְזוֹנוֹ** - עס קען גאָר זיין אַז דער 'בעל האלכימיה' וועט נישט האָבן קיין שפּייז למעשה.

**בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ אֶצְלוֹ מִן הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף** - הגם ער האָט גאָר אַסאַך גאָלד און זילבער, וועט דאָס אים לאו דוקא ברענגען עסן.

**מִפְּנֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה הָאֹכֶל נִמְצָא בְּעִירוֹ בִּקְצָת הָעִתִּים** - ווייל ס'איז דאָ צייטן וואָס עס קען זיך מאַכן אַז ס'איז נישטאָ קיין עסנוואַרג ביי אים אין שטאָט. ער האָט טאַקע אַסאַך געלט אָבער ער קען דערמיט נישט באַקומען קיין שפּייז.

און דער חובת הלבבות ברענגט דערויף עטליכע פּסוקים: **כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר** (יחזקאל ז, יט) **כַּסְפָּם בַּחוּצוֹת יַשְׁלִיכוּ** - אַמאָל קען מען וואַרפן געלט אויף די גאַסן אָבער מ'האָט נישט דערפון קיין עסן.

**וְאָמַר** (צפניה א, יח)**: גַּם כַּסְפָּם גַּם זְהָבָם לֹא יוּכַל לְהַצִּילָם** - עס קען זיין פעלער ווען די אַלע גאָלד און זילבער קענען נישט ראַטעווען דעם מענטש. אויב דער אויבערשטער וויל אַז ס'זאָל נישט זיין קיין עסן, דעמאָלט וועט גאָרנישט העלפן דאָס געלט. מיר ווייסן דאך אַזוי פון אַסאַך מצבים און תקופות פון דער היסטאָריע, ווי חז"ל דערציילן אונז (מסכת גיטין נו, ע"א) אַז אַזוי איז געווען ביים זמן פון דעם חורבן בית שני, ס'איז געווען אַ געוואַלד מיט געלט, אָבער וואָס קען מען טון מיט די געלט אויב ס'איז נישטאָ קיין עסן צו באַקומען?!

ס'איז באַקאַנט די מעשה פון דעם באַראָן ראָטשילד אַז ער איז אַריין אין זיין גרויסן 'סעיף' און די טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט הונטער אים. ער האָט נישט געקענט אַרויסגיין און ער האָט געשריבן מיט בלוט פון זיין פינגער: "דאָ איז געשטאָרבן פון הונגער אַ מענטש אַרומגענומען מיט גאָלד און זילבער".

**וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' לֹא יִבָּצֵר מִמֶּנּוּ מְזוֹנוֹ בְּכָל עֵת וּבְכָל מָקוֹם עַד סוֹף יָמָיו** - אָבער אַ איד וואָס איז בוטח בה' וועט קיינמאָל נישט פעלן פון אים זיין שפּייז. ס'איז נישטאָ קיין צייט און ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ וואָס ער וועט נישט האָבן קיין עסן.

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (איוב ה, כ)**: בְּרָעָב פָּדְךָ מִמָּוֶת** - אפילו ווען ס'איז דאָ אַ הונגער וועט דיך דער אויבערשטער אויסלייזן פון טויט. **וְאָמַר** (תהלים כג, א)**: ה' רֹעִי לֹא אֶחְסָר** - דוד המלך זאָגט אַז דער רבוש"ע איז מיין פּאַסטוך, עס וועט מיך קיינמאָל גאָרנישט פעלן.

**וְאָמַר** (שם לז, יט)**: לֹא יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ** - דער בעל בטחון וועט זיך נישט שעמען, אפילו ווען ס'איז דאָ שלעכטע צייטן, אפילו ווען דער עולם מוטשעט זיך וועט ער נישט ליידן דערפון. ס'איז דאָ טעג וואָס הייסט 'ימי רעבון', דאָס זענען הונגער טעג פאַר אַלעמען, אָבער דער בעל בטחון ליידט נישט, ער איז זאַט, ער האָט אַלץ וואָס ער דאַרף.

### אותיות מחכימות
מסילת ישרים פרק כ"ו

וְהַשְּׁבִיעִי, שֶׁבַּעַל הָאַלְכִּימְיָה אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא יַגִּיעַ אֶל מְזוֹנוֹ בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ אֶצְלוֹ מִן הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף, מִפְּנֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה הָאֹכֶל נִמְצָא בְּעִירוֹ בִּקְצָת הָעִתִּים, כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר (יחזקאל ז, יט) **כַּסְפָּם בַּחוּצוֹת יַשְׁלִיכוּ** וְאָמַר (צפניה א, יח)**: גַּם כַּסְפָּם גַּם זְהָבָם לֹא יוּכַל לְהַצִּילָם.**

וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' לֹא יִבָּצֵר מִמֶּנּוּ מְזוֹנוֹ בְּכָל עֵת וּבְכָל מָקוֹם עַד סוֹף יָמָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איוב ה, כ)**: בְּרָעָב פָּדְךָ מִמָּוֶת** וְגוֹ', וְאָמַר (תהלים כג, א)**: ה' רֹעִי לֹא אֶחְסָר** וְגוֹ', וְאָמַר (שם לז, יט)**: לֹא יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ.**

# נותן לחם לכל בשר; יעדער בעל בטחון באַקומט זיין שפייז, אָן קיין יוצא מן הכלל

### דער חידוש פון דעם שטיקל חובת הלבבות

דאָס איז לכאורה אַ שטיקל וואָס מ'דאַרף פאַרשטיין; וואָס איז די נייע חידוש וואָס דער חובת הלבבות זאָגט אונז דאָ?! לכאורה איז שוין געשטאַנען אַזעלכע דיבורים פריער, אַז איינער וואָס איז נישט קיין בעל בטחון איז נישט מוכרח אַז ער וועט האָבן אַ ישועה, אָבער דער בעל בטחון וועט אַלעמאָל האָבן אַלץ וואָס ער דאַרף.

### כפרת עוונות איז דאָ בלויז לגבי יסורי הגוף

ס'איז אָבער יאָ אַ וויכטיגע הוספה וואָס דער חובת הלבבות איז דאָ מוסיף; בעפאָר דעם זיבעטן תועלת האָט דער מחבר געזאָגט דעם 'זעקסטן' תועלת פון דעם בעל בטחון, וואו ער שמועסט אויס אַז דער וואָס איז נישט קיין בוטח בהקב"ה איז ער נישט בטוח פון קרענק, חולאים ומדווים. ער איז נישט פאַרזיכערט פון זאַכן וואָס מאַכט ווייטאָג פאַר'ן גוף. אפילו ער האָט שוין יאָ פרנסה, אָבער וואָס העלפט אים דאָס לגבי זיינע קרענק און ווייטאָג?! ער קען נישט הנאה האָבן פון די אַלע געלט, אָבער דער בעל בטחון איז 'בטוח מן המדוים ומן החלאים'.

דאָרט, ביי דעם זעקסטן תועלת, האָט דער חובת הלבבות געמאַכט אַ יוצא מן הכלל. ער האָט צוגעלייגט אַז ס'איז יאָ דאָ אַ מציאות אַז דער בעל בטחון מוטשעט זיך מיט יסורי הגוף אָדער קרענק ח"ו, און די סיבה פאַרוואָס דאָס קומט איז "על דרך הכפרה או על דרך התמורה" - אָדער וויל מען אים מכפר זיין אויף די עבירות אָדער וויל מען אים מוסיף זיין שכר בעולם הבא.

דאָס הייסט אַז דער בעל בטחון קען אַמאָל יאָ דורכגיין אַ מחלה, נאר ס'קומט צוליב אַ צווייטע סאָרט סיבה, ס'קומט פאר זיין טובה, און ס'איז נישט אויף די זעלבע אופן ווי די יסורים פון דעם וואָס האָט נישט קיין בטחון.

אָבער דאָ ביים דעם זיבעטן תועלת, ווען דער חובת הלבבות רעדט וועגן מזונות, **דערמאַנט נישט דער חובת הלבבות אַז ס'איז דאָ אַ יוצא מן הכלל!** ער זאָגט נישט אַז דער בוטח בה' וועט האָבן עסן 'חוץ אויב' דער אויבערשטער האָט אַן אַנדערע חשבון פון כפרת עוונות אָדער עולם הבא!

### ווען ס'קומט צו די טעמע פון עסנוואַרג וועט דער בעל בטחון קיינמאָל נישט ליידן

דאָס איז אַ געוואַלדיגע ידיעה צו וויסן אַז ווען מ'רעדט פון דעם מושג 'יסורים' וואָס דער בעל בטחון וועט אויך אַמאָל באַקומען איז דאָס בלויז אויף געוויסע קאַטעגאָריעס. למשל 'יסורי הגוף' אָדער קרענק קען קומען אויף אַ בעל בטחון ווייל ס'איז 'על דרך הכפרה או על דרך התמורה'. אָבער **ווען ס'קומט צו האָבן עסן, דאָרט איז נישטאָ קיין יוצא מן הכלל!** דער בעל בטחון וועט אַלעמאָל זיין אין אַ מצב פון "לא יבצר ממנו מזונו בכל עת ובכל מקום".

דער פסוק זאָגט "נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו", און ס'שטייט נישט דאָרט קיין 'הערה' פון אונטן אַז ס'איז דאָ אַ יוצא מן הכלל... ביי דעם ענין פון מזונות איז נישטאָ קיין 'חוץ אויב'. דער כלל פון 'מאן דיהיב חיי יהיב מזוני' אַרבעט אַלעמאָל פאַר'ן בעל בטחון. די גמרא אין מסכת ברכות וואָס רעדט וועגן 'יסורים של אהבה' פאר צדיקים, רעדט וועגן יסורי הגוף, אָבער אַ בעל בטחון באַקומט אַלעמאָל עסן.

מ'דאַרף נאר וויסן וויאַזוי דאָס אָפּצולערנען ריכטיג. היות ס'איז דאך יאָ דאָ אַ מושג אַז ס'איז נגזר געוואָרן אויף איינעם צו זיין אַן 'עני' אָדער אַן 'עשיר', ווי מיר זען שפּעטער אין חובת הלבבות, אַז ס'איז דאָ אַסאַך מאָל אַ גזירה משמים לכתחלה, נאָך איידער דער מענטש איז געבוירן געוואָרן, אַז ער וועט האָבן מער בצמצום זיין פרנסה. דאָס איז חשבונות פון אויבן.

אויסערדעם זאָגט שפּעטער דער חובת הלבבות אַז די פרנסה פאר די ווייב מיט די קינדער איז נישט נכלל אין דער הבטחה. אָבער דאָס איז זיכער אַז ווען מען רעדט פון 'עסנוואַרג' וועט גאָרנישט פעלן פאַר'ן בעל בטחון, **לֹא יִבָּצֵר מִמֶּנּוּ מְזוֹנוֹ בְּכָל עֵת וּבְכָל מָקוֹם עַד סוֹף יָמָיו.**

> **ביי דעם ענין פון מזונות איז נישטאָ קיין 'חוץ אויב'. דער כלל פון 'מאן דיהיב חיי יהיב מזוני' אַרבעט אַלעמאָל פאַר'ן בעל בטחון**

משא"כ איינער וואָס איז נישט קיין בעל בטחון קען האָבן אַ געוואַלד מיט געלט אָבער ער קען זיך טרעפן אָן קיין עסן.

### ס'איז זיכער אַז מ'דאַרף נישט לעבן מיט אַ פּעסימיסטישע בליק

ווען מ'לערנט אַזאַ שטיקל חובת הלבבות פאָדערט זיך אַביסל צו פאַרשטיין בעסער וואָס איז זיין כוונה; אודאי איז געווען אַסאַך מעשיות במשך די היסטאָריע פון אומגליקן וואָס האָט פּאַסירט פאַר מענטשן וועלכע האָבן געהאַט אַסאַך געלט. ס'איז געווען גאָר אַסאַך מענטשן וואָס האָבן טאַקע געהאַט געלט אָבער זייער לעבן איז געווען פול מיט שוועריגקייטן אָדער זענען זיי גאָר געשטאָרבן פון הונגער.

אָבער צי דאַרף דען אַזוי לעבן אַלעמאָל מיט אַ מחשבה אַז אפשר קען דאָס פּאַסירן צו מיר?! און אַז אפשר וועל איך פּונקט פאַרקלאַפּט ווערן אין אַ סעיף אַזויווי דער באַראָן ראָטשילד?! אַ מענטש דאַרף זיכער נישט לעבן פּעסימיסטיש מיט אַזעלכע מחשבות אַז: "אפילו כ'וועל האָבן אַלע געלט וועל איך אפשר נישט האָבן קיין שטיקל ברויט". נאָרמאַלערהייט פּאַסירן דאָך נישט אַזעלכע זאַכן, פאַרוואָס זאָל אים דאָס איינפאַלן?!

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז מען וועט פאָרשלאָגן פאר איינעם אַ פּרנסה וואָס ער קען פאַרדינען דאָרט אַסאַך געלט, און דער מענטש וועט זאָגן: "איך וויל נישט נעמען די אַרבעט, ווייל כ'האָב געהערט אַז באַראָן ראָטשילד האָט געהאַט אַסאַך געלט און ער איז געשטאָרבן פון הונגער, כ'ווייס נישט, כ'האָב מורא"... געוויס וועט מען אים זאָגן: "וואָס דאַרפסטו טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן, נעם די אַרבעט, ס'איז דאָ אַ נאָרמאַלע סדר אויף דער וועלט און געווענליך געשעט דאָס נישט".

עס קען זיך אונז דוכטן אַז דער חובת הלבבות זאָגט אַז מ'דאַרף אַרויסגראָבן און טראַכטן שרעקעדיגע סיטואַציעס, אפשר וועט מען האָבן דאָס געלט אָבער מ'וועט נישט קענען צוקומען צו דאָס עסן.

דער געווענליכער מענטש דערשרעקט זיך נישט פון אַזעלכע סאָרט מעשיות, ווייל ער טראַכט אַז רוב מאָל געשעט דאָס נישט. ס'איז אַן אויסנאַמליכע זאַך וואָס מאַכט זיך נישט אָפט. דעריבער ווערט מען נישט נתעורר ווען דער חובת הלבבות ברענגט אַזאַ משל פון אַ זאַך וואָס קען טאַקע זיין אַז ס'גייט אַמאָל פּאַסירן, אָבער ס'איז זייער נישט מצוי אַז ס'זאָל טאַקע געשען.

ג

# לֹא יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה; דער בעל בטחון בלייבט נישט הונגעריג

### די מהלך הבריאה; אַמאָל איז יאָ דאָ עסן און אַמאָל נישט

דער אמת איז אָבער אַז דער חובת הלבבות קומט דאָ אויסשמועסן אַ וויכטיגע כלל, וויאַזוי ס'אַרבעט די מהלך פון דער בריאה.

דער חובת הלבבות זאָגט אַ פּשוט'ע זאַך אַז ס'איז דאָ אַ נאַטירליכע סיסטעם, אַז אַמאָל איז יאָ דאָ אַ שפע פון עסן און אַמאָל איז נישטאָ קיין עסן. אפילו ווען ס'איז דאָ אַסאַך געלט, אָבער עסן איז נישטאָ.

### היינט צוטאָגס איז שוין נישטאָ קיין עכטע זאָרג פון אַ הונגער

ס'איז אמת אַז היינטיגע צייטן איז די באַגריף פון אַ הונגער נישט קיין זאַך וואָס רעדט צו אונז אַזוי שטאַרק, ווייל מ'ברענגט אָן אַלע סאָרט פּראָדוקטן פון דער אַנדערער זייט וועלט.

אין דעם פריערדיגן דור איז דאָס יאָ געווען שכיח. מ'דאַרף נישט צוריקגיין אַזוי לאַנג, בלויז מיט עטליכע צענדליגער יאָרן צוריק איז בכלל נישט געווען אַזוי פּשוט אַז ס'איז אַלעמאָל דאָ וויפיל עסן מען וויל. מ'קען נאָך רעדן מיט אידן וואָס געדענקן וויאַזוי מ'האָט געהונגערט. אָבער אונזער דור ווערט נישט אַזוי דערשראקן ווען מען רעדט פון אַ הונגער.

### אפילו היינט קען מען אַריינפאַלן אין אַ הונגעריגע מצב

אָבער אפילו היינט איז דאָ דוגמאות ווען דער מענטש טרעפט זיך הונגעריג. צום ביישפּיל ווען ער געפינט זיך אין אַ מקום וואו ס'איז נישטאָ קיין עסן מיט אַ גוטן הכשר און ער האָט ממש נישט וואָס צו עסן; אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס איז אונטערוועגנס, מען האָט באַשטעלט כשר'ע עסן אויפ'ן עראָפּלאַן אָבער ער האָט למעשה נישט באַקומען; אָדער ווען מען איז געבליבן שטעקן אויף שבת ערגעץ וואו אָן קיין געהעריגע עסן, הגם מיר זענען איינגעוואוינט אַז עס וועט שוין אַרויסוואַקסן פון אונטער דער ערד אַ שליח חב"ד... אָבער נישט אַלעמאָל איז עס אַזוי; דאָס זעלבע קען זיך מאַכן ווען מ'דאַרף עפּעס וויכטיג עסן אינמיטן די נאַכט, אָדער עס כאַפּט אַ דאָרשט, און אַלע געשעפטן זענען פאַרמאַכט.

איבערהויפּט איז דאָס שייך ביי מענטשן וואָס דאַרפן האָבן ספּעציעלע מאכלים צוליב זייער געזונט, זיי קענען נישט עסן די געוועגליכע ווייסע מעל און פּראָדוקטן וואָס איז פול מיט זאַלץ און אויל, ס'קען חלילה זיין ממש סכנות נפשות. אַזעלכע אידן קענען מעיד זיין וויפיל מאָל עס מאַכט זיך אַז זיי זענען געבליבן שטעקן אָן האָבן וואָס אין מויל צו נעמען. מען האָט באַשטעלט און ס'איז נישט אָנגעקומען.

### דער בעל בטחון בלייבט נישט הונגעריג

זאָגט אונז דער חובת הלבבות אַז די אַלע זאַכן פּאַסירט ביי איינעם וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם 'סדר הבריאה'. אפילו אויב ער האָט אַסאַך געלט קען ער זיך טרעפן אין אַ מצב פון הונגער, אויך היינטיגע צייטן.

מה שאין כן, איינער וואָס איז אַ בעל בטחון, ווערט ער נישט זיין מקושר מיט דעם אויבנדערמאַנטן סדר פון דער בריאה. **אַ איד וואָס אַרבעט שטאַרק צו גלייבן און זיך פאַרלאָזן בלויז אויפ'ן אויבערשטן, וועט קיינמאָל נישט זיין הונגעריג!** ווייל ער איז נישט פאַרבינדן מיט דער געוועגליכער 'סדר הבריאה'.

אויב דו ביזט זיך בוטח בהשי"ת וועסטו יונק זיין דיין מזון פון השי"ת! אפילו ווען ס'איז דאָ הונגער און דער עולם האָט נישט צועסן וועסטו אָבער יאָ באַקומען דיין עסן.

אַ גאַנצע קבוצה איז געפאָרן אויפ'ן עראָפּלאַן און ס'האָט זיך געמאַכט אַ פּרשה אַז מ'האָט פאַרגעסן צו באַשטעלן עסן, יעדער איז אויפגערעגט און הונגעריג. למעשה, מ'ווייסט נישט פּונקטליך וויאַזוי, אָבער **פּונקט פאַר דעם בעל בטחון האָט מען יאָ באַשטעלט עסן.** פאַרוואָס האָט ער יאָ באַקומען?! ווייל אויב זיין שפּייז קומט דעם אויבערשטן איז נישטאָ קיין סיבות פון 'זמן' און 'מקום' וואָס זאָל קענען צוריקהאַלטן זיין עסן!

### די גראָסערי פון 'הבוטח בהשם' איז אָפן 24 שעה...

מען האָט שוין דערמאַנט אין דעם צווייטן שיעור אין 'שער הבטחון' די הייליגע ווערטער פון דעם גרויסן **מעזריטשער מגיד** זי"ע אויף דער סוגיא פון 'ה' צלך', אַז די מציאות פון 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' איז נישט קיין סגולה, ס'איז נישט קיין נס, **נאר ס'איז אַ סדר פון דער בריאה!**

פּונקט ווי ס'איז דאָ געשעפטן וואָס זענען נאר אָפן בייטאָג און נישט ביינאַכט, און דערנאָך איז דאָ געשעפטן וואָס זענען 24 שעה אין טאָג, דאָס זעלבע האָט דער אויבערשטער באַשאַפן זיין בריאה אַז **אויב איינער קויפט איין אין דעם געשעפט פון "הבוטח בה'" וועט ער אַלעמאָל האָבן וואָס ער דאַרף**, ס'וועט זיין "חסד יסובבנו", און ס'איז נישטאָ קיין שום יוצא מן הכלל צו דעם כלל!

דער וואס קויפט אין דעם געשעפט פון בטחון וועט זיכער אַלעמאָל האָבן וואָס ער דאַרף, ווי דער חובת הלבבות זאָגט שפּעטער (אין פּרק א) אַז די מהות פון בטחון איז זיך פאַרלאָזן הונדערט פּראָצענט אַז דער אויבערשטער גייט מקיים זיין וואָס ער האָט מבטיח געווען, און **דאָס איז דאָך פון די זאַכן וואָס השי"ת האָט צוגעזאָגט**, אַז ווער עס איז זיך בוטח אין אים וועט אַלעמאָל האָבן זיין שפּייז. **ס'איז נישטאָ קיין ספיקות דערינען** און ס'איז נישטאָ דערביי קיין יוצא מן הכלל!

ד

# ומשביע לכל חי רצון; יעדער באַקומט וויפיל ער דאַרף באמת האָבן

### ווען דער מענטש באַשליסט צו לעבן ברייטער

דאָ איז אָבער דאָ אַן איידעלע נקודה וואָס מ'דאַרף דורכשמועסן, כדי מענטשן זאָלן זיך פרעגן קיין קשיות פון זאַכן וואָס זיי זענען אַריבער אין זייער לעבן.

ס'איז דאָ אַמאָל אַ מענטש וואָס ער האָט מחליט געווען ביי זיך אַז זיין שפּייז דאַרף זיין אויף עפּעס אַ געוויסע שטאַפּל. ער האַלט אַז ער דאַרף אַלעס האָבן גאָר בהרחבה, פאַר זיך, פאַר די שטוב און פאַר די קינדער. ער האָט אָפּגעמאַכט וויפיל ער שפּירט אַז ס'דאַרף זיין "כדרך בעלי בתים חשובים". ביי אים אין דער כתובה שטייט "כדרך בעלי בתים חשובים מאוד"...

מ'רעדט נישט דאָ וועגן לעבן אין אָרימקייט, אָבער ס'איז דאָ וואָס מ'רופט אָן 'לעבן נאָרמאַל', און ס'איז דאָ וואָס אַ מיעוט מענטשן רופן דאָס אָן 'לעבן נאָרמאַל'. ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס האַלטן אַז ביי זיי דאַרף מען לעבן אויף אַזאַ סאָרט הויכן סטאַנדאַרט.

דאָס זעלבע מיט אַ דירה. ער האָט מחליט געווען אַז ער דאַרף האָבן אַ פּראַכטפולע דירה, און נאָכדעם פאַלט ער אַריין אין חובות און ער וואונדערט זיך אַז ער האָט דאָך געהאַט בטחון?!

### האסט באַקומען רשות פון השי"ת צו פאַרשווענדן אַזויפיל געלט?!

דער אמת איז אָבער אַז **יעדער מענטש**

**דאַרף באַקומען רשות פון דעם אויבערשטן צו קענען לעבן ברייטער ווי מ'דאַרף באמת.** ס'איז נישטאָ קיין הבטחה דערויף! מ'דאַרף באַקומען אַ ספּעציעלע ערלויבעניש פון השי"ת אַז מ'זאָל דאָס מעגן טון!

וואָס הייסט באַקומען רשות פון דעם אויבערשטן?! זייער פשוט. ווען אַ מענטש זעט וויפיל דער אויבערשטער גיט אים, **האָט יעצט השי"ת גערעדט צו אים!** ווען אַ מענטש זעט אַז ער האָט יאָ די מעגליכקייט זיך אַביסל צו אויסברייטערן הייסט דאָס אַז פון הימל האָט מען אים געגעבן רשות אַז ער זאָל קענען איינקויפן אַביסל ברייטער און לעבן עטוואָס אַ ברייטערע לעבן, אָבער אויב זעט ער אַז פון הימל האָט מען אים נישט געגעבן, **הייסט דאָס אַז ער האָט נאָכנישט באַקומען קיין רשות!**

אַזוי זאָגט די גמרא קלאָר אין מסכת ביצה (טז, א): **"כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים"**; אויב אַ מענטש האָט געפּאַטשקעט געלט אויף זאַכן וואָס איז נישט געווען קיין אמת'ע צורך האָט ער יעצט אויסגענוצט זיין געלט פון דאָס יאָר, **שפּעטער וועט ער נישט האָבן צו קויפן פשוט'ע געברויכן, ווייל ער האָט פאַרשווענדעט זיין באַשערטע געלט!**

## נישט אויסנוצן דיין שפע פאר אַנדערע זאַכן

דאָס ברענגט אונז אויך צו דער סוגיא פון 'חתונה מאַכן'. דאָרט אַרבעט עס די זעלבע וועג. ס'איז דאָ אַ מהלך וואָס הייסט 'חתונה מאַכן בצמצום', דאַן איז איז פאַרהאַן אַ מהלך פון זיך מער אויסברייטערן און דערנאָך איז דאָ אַסאַך מדריגות וויפיל געלט מען קען באַצאָלן ביים חתונה מאַכן קינדער.

אויב מען נוצט אויס דאָס געלט אויף אַן אופן וואָס מ'האָט נישט דערויף באַקומען קיין רשות פון אויבן, דעמאָלט שטייט בפירוש אין דער גמרא אַז דאָס ליגט נישט אין דער הבטחה. **מען האָט דיך געגעבן געלט אויף איין זאַך און האסט עס אויסגעפּאַטשקעט אויף אַ צווייטע זאַך.** יעצט קען דער מענטש נישט פרעגן קיין קשיות, ווייל בעצם, האָסטו יאָ באַקומען אַלעס וואָס דו דאַרפסט, נאָר דו האסט מחליט געווען אַז דו דאַרפסט עפּעס אַנדערש.

## אַז דו האסט נישט באַקומען דאָס געלט, איז עס נישט גוט פאר דיר

דער אויבערשטער זאָגט פאר יעדן איד: "וואָס דו דאַרפסט האָבן גיב איך דיר! וואָס דו דאַרפסט נישט, גיב איך דיר נישט, ווייל ס'איז נישט גוט פאַר דיר!". אָבער אַז מ'גייט און מען נעמט דאָס בכח, ווערט אַצינד אַ שטיקל פּראָבלעם און עס ווערט ביים מענטש בלבולים אין דער סוגיא פון בטחון.

אויב אַ איד זעט אַז ער האָט דאָס געלט, דעמאָלט איז פשט אַז דו האסט באַקומען דעם רשות, **אָבער אויב דו האסט נישט דאָס געלט, מיינט דאָס אַז פון הימל ווייל מען נישט אַז דו זאָלסט יעצט פאַרשווענדן אַזויפיל געלט.** ס'איז גאַנץ אַ פשוט'ע חשבון, אויב פון הימל וואָלט מען יאָ געוואָלט, וואָלט מען דיך געגעבן דאָס געלט! **ס'איז בכלל נישט שווער פאַר'ן אויבערשטן דיך צו געבן מער געלט, ער האָט גענוג געלט און ער קען דיך עס זייער לייכט געבן,** אויב וואָלט עס געווען פאר דיין טובה.

## די עבודה פון ביטול וואָס אַ איד האָט צום רצון ה'

לאָמיר אַלזאָ געדענקן, אַז ווען דער אויבערשטער איז מבטיח פאַר'ן מענטש: "איך גיי דיך געבן אַלעס וואָס דו דאַרפסט", פּאָדערט זיך אַז דער מענטש זאָל דאָס נעמען צו קענטעניס אויך לגבי די אַנדערע זייט, ווען ער באַקומט נישט וויפיל געלט ער ווייל. עס פאַרלאַנגט זיך אַ מורא'דיגער ביטול ביי אַ איד אַז ער זאָל מסכים זיין: **"איך געטרוי דעם אויבערשטן, איך האָב אמונה, אויב ער גיט מיר עס נישט, דאַרף איך עס טאַקע נישט!"**

אַזויפיל מאָל איז דאָ מצבים וואָס דער מענטש שפּירט אַז ער האָט נישט אַלעס וואָס ער דאַרף, פשוט ווייל ס'פעלט אים אין דער בטחון, ער ווייל זיך נישט איינגאַנצן מבטל זיין און פאַרשטיין אַז ער דאַרף נישט האָבן יענע זאַך.

ס'איז דאָ נאָך אַ חלק אין דער סוגיא, דאָס איז ווען אַ מענטש האָט נישט זיינע מינימאַלע צרכים וואָס מען מוז באמת האָבן. דאָס איז אַ באַזונדערע לימוד וואָס מען דאַרף לערנען און פאַרשטיין ריכטיג. אָבער אַציינד רעדט מען דעם חלק פון 'מותרות' וואָס דער מענטש רעדט זיך איין אַז ער דאַרף דאָס האָבן, און ס'איז פשוט נישט ריכטיג, די הבטחה פון "לא יבצר ממנו מזונו בכל עת ובכל מקום" מיינט נישט אַזעלכע זאַכן.

## די עצה צו קענען חתונה מאַכן רואיגערהייט

ווען אַ איד איז טאַקע אַ ריכטיגער בעל בטחון, ער געטרויעט דעם באַשעפער פולשטענדיג, דעמאָלט איז דער חובת הלבבות מבטיח **אַז דער איד וועט אַלעמאָל האָבן זיין שפּייז, ער וועט קענען חתונה מאַכן די קינדער רואיגערהייט.**

מען נוצט דעם משל פון חתונה מאַכן קינדער, ווייל דאָרט קענען מענטשן פאַרשטיין דעם מושג פון 'הונגער' אפילו היינטיגע צייטן. מענטשן זענען זייער נישט רואיג דאָרט, ער שפּירט אַז ער דאַרף ממש אַ נס אַז ער זאָל קענען חתונה מאַכן און ווערן פאַרדרייט פון חובות. דאָס איז דיין פריוואַטע מצב פון 'הונגער' און טאַקע צו דיר רעדט דער חובת הלבבות, ער איז דיר מבטיח אַז די גייסט באַקומען אַלע זאַכן וואָס דו דאַרפסט האָבן. **ס'וועט דיך גאָרנישט פעלן! און ס'וועט אפילו נישט זיין קיין נס, ס'וועט זיין ווי אַ חלק פון דער סדר הבריאה.**

אויב עס שטימט נישט, זעהסט נאָכנישט אַז דו האסט דיינע צרכים, דעמאָלט איז אַ סימן אַז מ'דאַרף בעסער אַרבעטן אויף בטחון. דער באַגריף פון אַרבעטן אויף בטחון אַנטהאַלט אַסאַך פּרטים און אַז מ'טרעפט זיך אין אַזאַ מצב דאַרף מען זוכן און לערנען וועלכע חלק פעלט מיך פון בטחון וואָס איך דאַרף זיך שטאַרקן דערמיט.

(המשך השיעור אין דעם קומענדיגן גליון אי"ה).

# אור החיים הק'

### מתנה טובה יש לי בבית גנזי;
וויאַזוי איז מען זוכה צו שפּירן אַ טעם אין שב"ק

ליל שישי פרשת תשא שנת תשפ"ג

א

# ושמרו בני ישראל את השבת; אָפּהיטן די נשמה יתירה

## די לעצטיגע פסוקים פון שבת אין פרשת כי תשא

אין די פרשה פון דער וואָך, פרשת תשא, איז דאָ מורא'דיגע שטיקלעך אין אור החיים הק' און אין אַלע חסידי'ישע ספרים, ביי די פסוקים פון שבת קודש, לדעת כי אני ה' מקדשכם!

אויף דעם פסוק פון "ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת" זאָגט דער אור החיים הק' אַסאַך פשטים. איינע פון די פשטים איז, אַז

**אותיות מחכימות** | אור החיים הק' פרשת תשא (לה טז)

> וְעִנְיַן נְשָׁמָה זוֹ הַיְתֵרָה רָמְזוּ מְקוֹמָהּ רַבּוֹתֵינוּ בְּאָמְרָם מַתָּנָה טוֹבָה בְּבֵית גְּנָזַי, וְיָדוּעַ הוּא מָקוֹם הַנִּקְרָא גִּנְזֵי הַמֶּלֶךְ שֶׁהוּא בְּחִינַת עוֹלָם עֶלְיוֹן, וּנְשָׁמָה זוֹ מַחֲצָבָהּ שָׁם הִיא. וְלָזֶה תִּקָּרֵא שַׁבָּת כְּאוֹמְרָם וְשַׁבָּת שְׁמָהּ כְּשֵׁם הָעוֹלָם שֶׁמִּמֶּנּוּ הִיא שֶׁנִּקְרָא עוֹלָם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת (ר"ה דף ל"א.)
>
> וְעוֹלָם זֶה אֵין בּוֹ עִצָּבוֹן, וְעָלָיו לֹא בָא כְּדִבְרֵיהֶם בּוֹ אֶלָּא עֹנֶג וְשִׂמְחָה, וְלָזֶה צִוָּה ה' לְהַרְחִיק בְּיוֹם שַׁבָּת כָּל אוֹתָם בְּחִינוֹת הַחֹל הַמְּלָאכָה וְהָעִנּוּי כִּי בְּאַחַת מֵהֵנָּה תִּגְעַל הַנְּשָׁמָה מִשֶּׁבֶת בְּקֶרֶב אִישׁ.
>
> וְלָזֶה תִּמְצָא שֶׁעִקַּר אִסּוּר אַזְהָרַת מְלָאכוֹת שַׁבָּת בֵּאֵר ה' שֶׁהֵם בְּמַחֲשָׁבָה, כְּאוֹמְרָם (ביצה דף יג) מְלֶאכֶת מַחְשֶׁבֶת אָסְרָה תוֹרָה, וַאֲפִלּוּ דִּבּוּר שֶׁל חוֹל אָסוּר (שבת דף קיג:) דִּכְתִיב (ישעי', נח) **מִמְּצוֹא** חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר, וְהַכֹּל לְצַד תּוֹסֶפֶת נְשָׁמָה הָעֶלְיוֹנָה לַעֲשׂוֹת לְפָנֶיהָ כְּסֵדֶר עוֹלָם שֶׁבָּאָה מִמֶּנּוּ.
>
> וְהוּא מָה שֶׁצִּוָּה ה' בְּאוֹמְרוֹ וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל **אֶת הַשַּׁבָּת**, פֵּרוּשׁ נְשָׁמָה הַנִּקְרֵאת שַׁבָּת, וְתַכְלִית שְׁמִירָה זוֹ הִיא הַשָּׂגַת עוֹלָם שֶׁשְּׁמוֹ שַׁבָּת, וְהוּא אוֹמְרוֹ **לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**.

**דאָס גייט אַרויף אויף די נשמה יתירה וואָס דער אויבערשטער גיט יעדן שבת פאַר אידישע קינדער.**

ווי די גמרא זאָגט אין מסכת **ביצה** (טז.) אַז דאָס האָט דער אויבערשטער נישט מגלה געווען פאר די אומות העולם, דער ענין פון דער 'נשמה יתירה' איז געבליבן אַ סוד בלויז פאַר אידישע קינדער.

זאָגט דער אור החיים הק':

**וְעִנְיַן נְשָׁמָה זוֹ הַיְתֵרָה רָמְזוּ מְקוֹמָהּ רַבּוֹתֵינוּ בְּאָמְרָם 'מַתָּנָה טוֹבָה בְּבֵית גְּנָזַי'** - בפשטות ווען מען לערנט די גמרא "אמר לו הקב"ה למשה, מתנה טובה יש לי בבית גנזי, ושבת שמה, ואני מבקש ליתנה לישראל לך והודיע אותם" גייט דאָס אַרויף אויפ'ן שבת קודש. די פשוט'ע פשט איז אַז השי"ת האָט אַרויסגענומען דעם שבת פון זיין אוצר און האָט דאָס געגעבן אַלס אַ מתנה פאר אידן.

אָבער דער אור החיים הק' לערנט על פי סוד, אַז די גמרא רעדט ספעציפיש וועגן דעם ענין פון דער 'נשמה יתירה'. אַז יעדער מענטש באַקומען אַ 'תוספות קדושה' צו זיין נשמה, וואָס קומט אַראָפ צו אים יעדן שבת.

**וְיָדוּעַ הוּא מָקוֹם הַנִּקְרָא גִּנְזֵי הַמֶּלֶךְ שֶׁהוּא בְּחִינַת עוֹלָם עֶלְיוֹן** - די גמרא זאָגט דאך אַז די מתנה קומט פון 'בית גנזי'. זאָגט דער אור החיים הק' פשט אַז ס'איז דאָ אַ הויכע פלאַץ אויבן אין הימל, וואָס דער מקום ווערט אָנגערופן "גנזי המלך". דאָס איז אַ פלאַץ אין אן 'עולם העליון'.

**וּנְשָׁמָה זוֹ מַחֲצָבָהּ שָׁם הִיא** - די שבת'דיגע נשמה יתירה קומט פון אָט דעם הויכן פלאַץ וואָס הייסט 'גנזי המלך'.

**וְלָזֶה תִּקָּרֵא שַׁבָּת כְּאוֹמְרָם וְשַׁבָּת שְׁמָהּ** - דער נאָמען פון די 'נשמה יתירה' איז שבת! דאָס איז אויסערדעם וואָס דער טאָג זעלבסט הייסט שבת, גייט עס נאָך טיפער דערפון: ס'איז דאָ אַ מקום אויבן אין הימל וואָס הייסט שבת, און די נשמה יתירה קומט פון דאָרט. דעריבער האָט די נשמה דעם נאָמען שבת.

ס'איז טאַקע ידוע וואָס עס שטייט אין ספה"ק **אהבת שלום**, אין דער סדרה פון די וואך פרשת תשא, איבער דעם גרויסן ענין פון אַרויסזאָגן דאָס וואָרט 'שבת'. מען באַקומט די קדושת שבת ווען מ'זאָגט אַרויס דאָס וואָרט 'שבת'. דערפאַר זאָגט מען אויך אַרויס בשעת מען עסט די סעודות שבת 'לכבוד שבת קודש'. עס ליגט אַ גרויסע קדושה אין דעם וואָרט און די קדושה גייט אַריין אין דער נשמה ווען מ'זאָגט אַרויס דעם נאָמען פון שב"ק.

זאָגט ווייטער דער אור החיים הק':

**כְּשֵׁם הָעוֹלָם שֶׁמִּמֶּנּוּ הִיא שֶׁנִּקְרָא 'עוֹלָם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת'** (ר"ה דף ל"א.) - די נאָמען פון דער נשמה יתירה איז 'שבת', ווייל עס טראָגט דעם זעלבן נאָמען פון די וועלט פון וואו עס קומט. ס'איז דאָ אויבן אַן 'עולם שכולו שבת', און די נשמה יתירה קומט פון יענע וועלט, דערפאַר האָט עס באַקומען דעם נאָמען.

**וְעוֹלָם זֶה אֵין בּוֹ עִצָּבוֹן** - אין דער וועלט איז נישטאָ קיין שום עצבות. **וְעָלָיו לֹא בָא כְּדִבְרֵיהֶם בּוֹ אֶלָּא עֹנֶג וְשִׂמְחָה** - ס'איז בלויז דאָ אויף יענע וועלט, וואָס די נשמה יתירה קומט פון דאָרט, עונג מיט שמחה!

**וְלָזֶה צִוָּה ה' לְהַרְחִיק בְּיוֹם שַׁבָּת כָּל אוֹתָם בְּחִינוֹת הַחֹל הַמְּלָאכָה וְהָעִנּוּי** - דערפאַר האָט השי"ת באַפוילן אַז מ'טאָר נישט שבת טון קיין וואָכנדיגע זאַכן, מען טאָר נישט טון זאַכן וואָס געהערט צו מלאכה, און מ'טאָר נישט טון קיין זאַכן פון 'עינוי' וואָס איז דער היפוך פון עונג. פאַרוואָס טאַקע?! ווייל:

**כִּי בְּאַחַת מֵהֵנָּה תִּגְעַל הַנְּשָׁמָה מִשֶּׁבֶת בְּקֶרֶב אִישׁ** - עס איז נישט אַנגענעם פאר דער נשמה ווען מען טוט די אַלע זאַכן פון מלאכות און עינוי. די נשמה יתירה קומט דאך פון אַ פלאַץ וואָס דאָרט איז נישטאָ די אַלע זאַכן, דעריבער קען די נשמה נישט ליידן אויב מ'פירט זיך אויף אַן אופן וואָס די נשמה איז נישט צוגעוואוינט. די נשמה האָט אַ געוואַלדיגע צער ווען מען טוט דאָס. עס קען נישט סובל זיין אַזאַ פלאַץ און עס אַנטלויפט פון דעם מענטש חלילה.

**וְלָזֶה תִּמְצָא שֶׁעִקַּר אִסּוּר אַזְהָרַת מְלָאכוֹת שַׁבָּת בֵּאֵר ה' שֶׁהֵם בְּמַחֲשָׁבָה, כְּאוֹמְרָם** (ביצה דף יג) **מְלֶאכֶת מַחְשֶׁבֶת אָסְרָה תוֹרָה** - דערפאַר געפינען מיר אַז דער עיקר איסור פון מלאכות שבת איז אויב מען טוט דאָס מיט אַ מחשבה. ווייל שבת דאַרף מען האַלטן די מחשבה הייליג, מען דאַרף טראַכטן וועגן הייליגע זאַכן, מען דאַרף טראַכטן וועגן דעם רבוש"ע און וועגן השתוקקות לקדושה. צו דער נשמה דאַרף מען רעדט איר שפּראַך. אויב מ'טראַכט נישט פון הייליגע מחשבות, שטערט דאָס פאר דער נשמה יתירה.

**וַאֲפִלּוּ דִּבּוּר שֶׁל חוֹל אָסוּר** (שבת דף קיג:) **דִּכְתִיב** (ישעי', נח) **מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר** - ס'איז דאָ אַ גאַנצע סימן אין שלחן ערוך (או"ח סימן ש"ו) אַז שבת קען מען נישט רעדן דיבורים של חול, ווי דער פסוק זאָגט "ודבר דבר". מען טאָר נישט רעדן אום שב"ק וואָכנדיגע זאַכן און דברים בטלים. ס'איז זייער אַ האַרבע זאַך. אין **זוהר הק'** (פרשת ויקהל) שטייט אַז ס'ווערט אָנגערופן ווי מען האָט חלילה מחלל שבת געווען אויב מ'רעדט נישט קיין שבת'דיגע דיבורים.

**וְהַכֹּל לְצַד תּוֹסֶפֶת נְשָׁמָה הָעֶלְיוֹנָה לַעֲשׂוֹת לְפָנֶיהָ כְּסֵדֶר עוֹלָם שֶׁבָּאָה מִמֶּנּוּ** - דאָס איז אַלץ לכבוד דעם גאַסט, די נשמה יתירה. די גאַסט וואָס קומט אַריין צום מענטש קען נישט סובל זיין אַזעלכע סאָרט זאַכן, דעריבער דאַרף מען זיך צוריקהאַלטן שבת פון רעדן דברים בטלים, אַז מ'זאָל נישט פייניגן די נשמה. ס'זאָל נישט דאַרפן דורכגיין אַ זאַך וואָס איז נישט באַ'טעמ'ט.

מיט דעם יסוד טייטשט דער אור החיים הק' דעם פסוק "**ושמרו בני ישראל את השבת**" - דאָס מיינט: גיב אַכט אויף דיין נשמה! די נשמה יתירה הייסט דאך 'שבת', און מ'דאַרף מאַכן אַ שמירה דערויף! וואָס איז די שמירה?! **אַז מ'זאָל נישט לאָזן די נשמה אַנטלויפן פונעם מענטש**, נאר מ'זאָל זיכער מאַכן אַז די נשמה שפּירט זיך אַנגענעם. ווען מען רעדט די שפּראַך פון דער נשמה יתירה, האָט דער מענטש אַ געוואַלדיגע עליי ווייל ער איז מרגיש זיין נשמה יתירה!

ב

# ממצוא חפצך ודבר דבר; דורך אַכטונג געבן אויפ'ן מויל קען מען מרגיש דעם נועם השבת

## דער טעות כאילו שבת איז געמאַכט נאר פאר אויסגעהאָרעוועטע אידן

אָט דער שטיקל אור החיים הק', ווי הויעך ס'איז, האָט עס אין זיך אויך אַ פשוט'ע באַדייט, וואָס איז נוגע פאר יעדן איינעם אויף אַן איינפאַכן שכל'דיגן אופן.

זייער אַסאַך מענטשן האָבן אַ מורא'דיגע תשוקה צו האָבן אַ טעם אין שבת. יעדער איד וויל האָבן אַ וואַרימע שבת, מען וויל שפירן אַ טעם אין שבת, ס'איז דאָך געוואַלדיג.

אָבער אַסאַך מאָל מיינט דער מענטש אַז די וועג אָנצוקומען אַהין איז זייער ביטער שווער. בפרט אַז מען הערט ווערטער פון צדיקים - וואָס איז אַלעס אמת לאמיתה ביז'ן סוף. למשל דאָס וואָרט אויף "טהורים יירשוה" אַז בלויז הייליגע מענטשן וואָס זענען גענצליך אָפּגעהיטן קענען באַקומען די מתנה פון שבת. מען באַקומט אַזאַ בליק אַז בלויז אויב די גאַנצע ששת ימי המעשה איז אַ חטיבה אחת פון עבודת ה', דעמאָלט אַז ס'קומט שבת פלאַקערט מען אַריין.

מענטשן מיינען אַז אַ טעם אין שבת קען מען בלויז באַקומען אויב מען קאָכט שוין אַריין אַ לאַנגע צייט בעפאָר אַזש אַז מ'קען שוין נישט רעדן צו אים פון ליל שישי און פרייטאָג פון חצות איז ער שוין ממש אַ שטיק 'נועם אלימלך'. מען מיינט אַז שבת איז געמאַכט נאָר פאר אַ 'פרוש' וואָס גערדענקט נישט בכלל צי ער האָט אַ ווייב מיט קינדער. שב"ק ביי דער סעודה איז מסתמא קיינער נישט דאָ, ס'איז אַלעס נאָר שרפי מעלה ממש... שבת אינדערפרי ביי כתר דאַרף ער שוין אָנכאַפּן אַ טאַביק פושקע אַז ער זאָל קענען סובל זיין די גשמיות'דיגע וועלט... מען קלערט אַז בלויז אַזוי קען מען באַקומען די קדושת שבת וואָס שטייט אין די ספרים.

### שב"ק איז געגעבן געוואָרן פאַר יעדן איינציגן איד

אָבער באמת איז דאָס איינס פון די מהלכים פון דעם יצר הרע צו מונע זיין פון אונז דעם הייליגן שבת! דאָס איז דאָך אַזאַ מין געפערליכע גניבה! ס'איז פשוט נישט אמת! פאר וועמען האָט מען געגעבן די מתנה פון "לדעת כי אני ה' מקדשכם"?! **פאר יעדן איד!**

פונקט ווי מען האָט געגעבן די זאַך פון דאַווענען פאר יעדן איד, פונקט ווי מ'האָט געגעבן גמילת חסדים מיט תורה פאר יעדן איד, **האָט מען דיך אויך געגעבן דעם שבת קודש!** וואָס פאַראַ מין שקר וכזב איז דאָס אַז נאָר אויסגעלייטערטע מענטשן קענען מרגיש זיין דעם שבת!

ס'איז באַקאַנט דאָס וואָרט פון הרה"ק בעל **חידושי הרי"מ** זי"ע בשם הרה"ק רבי **בונם מפרשיסחא** זי"ע אַז יעדער איד וואָס האָט אַ שייכות מיט'ן "מחלליה מות יומת" האָט אויך אַ שייכות מיט'ן "ישמחו במלכותך". ס'גייט אויף ביידע וועגן און יעדער איד האָט אַ שייכות מיט די גרעסטע מדריגה פון שבת קודש!

### מאַך אַנגענעם פאר דיין נשמה יתירה

דאָ שטייט אין אור החיים הק' אַ פשוט'ע מהלך, וואָס איז נוגע **פאר יעדן מענטש, אין יעדע דרגא**, וואָס אויב מען איז דאָס מקיים וועט דער מענטש שפירן אַ טעם און ער וועט האָבן אַן אמת'ע שייכות מיט'ן שבת.

**"יעדער איד וואָס האָט אַ שייכות מיט'ן "מחלליה מות יומת" האָט אויך אַ שייכות מיט'ן "ישמחו במלכותך""**

דער אור החיים הק' זאָגט אַזוי: נעם אין חשבון אַז דו האסט באַקומען אַ נשמה יתירה, און **דו דאַרפסט געבן פאַר די נשמה די זאַכן וואָס זי איז צוגעוואוינט דערצו.** אויב דו וועסט אַזוי טון וועסטו שפירן אַ מורא'דיגע געפיל אין שבת קודש. וועסט שפירן אַ שייכות מיט'ן שבת.

### דברים בטלים נעמט אַוועק דעם טעם פון שב"ק

איינס פון די שטאַרקסטע זאַכן **וואָס מאַכט חרוב ונחרב דעם מענטש אום שבת, איז די זאַך פון "דברים בטלים"!** מ'קען זיך נישט אַרויסדרייען פון דעם אמת. אַזוי שטייט אין הלכה, אַזוי שטייט אין זוהר הק' מיט גאָר שאַרפע אויסדרוקן, אַזוי שטייט אין אור החיים הק' די וואָך אַז די נשמה יתירה קען נישט פאַרליידן קיין דברים בטלים און עס לויפט אַוועק פון דעם מענטש.

ס'איז דאָ זייער אַ שאַרפע לשון פון הייליגן **קאָמאַרנער** זי"ע אין זיין ספר **שלחן הטהור**, אַז איינער וואָס רעדט דיבורי חול אום שבת, איז ער מבזה דעם שבת און "בודאי צד מינות ואפיקורסות יש בו".

אָבער אפילו אויב מיר וועלן אַוועקלייגן די אַלע שאַרפע לשונות אויף אַ מינוט, זעט מען דאָך די מציאות הדברים אַז די זאַך פון 'דברים בטלים' האָט די שטאַרקסטע כח אויסצולעשן דעם מענטש.

### בלויז דורך נישט פאַרפּאַטשקענען דאָס מויל איז מען זוכה צו אַ טעם שב"ק

לאָמיר רעדן אויף אונזער שפּראַך: אַ איד איז געווען פאַרנומען אַגאַנץ פרייטאָג מיט די געוועגליכע טרדות, ער איז אַריינגעקומען צום שבת נישט אויף די אַרגסטע מדריגה, אָבער אויך נישט אויף עפּעס גאָר אַ הויכע מדריגה. קען ער שפירן אַ טעם אין שב"ק אויב ער נעמט זיך אַראָפּ די עטליכע שעה פאר שבת אַז דעמאָלט איז ער נישט עוסק זיך צו קאָכן מיט דברים בטלים. ער גייט ווייטער אָן ווי אַ נאָרמאַלער מענטש און ער איז עוסק מיט די געוועגליכע זאַכן אין שטוב, אָבער ער גיט זיך אַכטונג אויף זיין מויל. דאָס איז די גאַנצע מעשה וואָס מען פאַרלאַנגט!

אַזאַ איד פירט זיך פרייטאָג צונאַכטס פונקט ווי יעדע אַנדערע טאַטע. ער פראַוועט די סעודה מיט דער משפחה זייער נאָרמאַל, ער זינגט זמירות, ער רעדט זאַכן וואָס מ'דאַרף רעדן, ער נוצט זיין מויל צו זינגען אַזאַ סאָרט ניגון און שפּעטער אַן אַנדערע סאָרט ניגון. **ער האָט פשוט נישט פאַרפּאַטשקעט זיין מויל, וועט ער זען בחוש אַז ער וועט האָבן אַן אַנדערע שבת!** מ'קען דאָס בודק זיין, ס'איז פלאי פלאים!

אדרבה, אויב דו שפירסט נאָכדעם אַז דו האסט צופיל ליידיגע צייט, קענסטו דאָך לערנען אור החיים הק', קענסט לערנען נועם אלימלך, נעם אַרויס אַ מאור עינים. ס'איז דאָך שבת קודש, זאָג תהלים, דאָס מויל האָט אַ מורא'דיגע כח!

### אדם לעמל יולד - לעמל פה

די גמרא זאָגט אין מסכת **סנהדרין** (צט ב) אויפ'ן פסוק "אדם לעמל יולד" אַז דאָס גייט אַרויף אויף "עמל פה".

דאָס הייסט אַז די מעלה און די מדריגה פון אַ מענטש איז נישט אַז זיין עמל ויגיעה איז צו שלעפּן זאַכן. אַזאַ סאָרט יגיעה קען להבדיל אויך אַ חמור טון... די אמת'ע יגיעה פון אַ מענטש איז דאָס רעדן! דער דיבור נעמט אַריין דעם מח, ס'נעמט אַריין די חלק הפנימיות פון דעם גאַנצן מענטש. **אַז דו ווילסט נוצן דאָס מויל אום שבת קודש קענסטו עס נוצן!** אָבער נוץ דאָס מויל פאר שבת'דיגע זאַכן!

### גאָרנישט שטערט נישט אַזוי שטאַרק די נשמה יתירה ווי דברי חול

מ'זעט אַן אינטערעסאַנטע זאַך אַז אַ מענטש קען זיך אפילו אָפּריען אום שבת. אויב ער וועט עסן צו שווערע מאכלים וועט ער מסתם ווערן שלעפעריג דערפון, אָבער **ס'גייט אים נאָך אַלס נישט אַראָפּברענגען אַזויווי דברים בטלים שלעפּט אים אַראָפּ**, און דער אור החיים הק' איז מסביר, פאַרוואָס ס'איז אַזוי.

אודאי אַז אַ איד וויל נאָכמער אַריינכאַפּן פון אַ שבת, קען ער אויפשטיין דריי- פיר אַזייגער פאַרטאָגס, זיך צו משתעשע זיין מיט'ן רבוש"ע מיט שירות ותשבחות. דאָס איז אַלעס זאַכן וואָס מ'קען צולייגן, אָבער עס שטייט נישט אין ערגעץ אַז אויב אַ מענטש האָט זיך אפגעריעט און ער איז געשלאָפן שבת האָט ער מחלל שבת געווען.

געוויס איז געווען אַזאַ מדריגה ביי ערליכע אידן וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי זענען 'שומר שבת', אַזויווי אַ שומר שלאָפט נישט. אָבער אויב אַ איד איז געווען פאַרמאַטערט און ער שעמט זיך צו פאַרציילן, ער איז געשלאָפן אַכט שעה פרייטאָג צונאַכטס... ס'האָט זיך געמאַכט אין אַ ווינטערדיגע פרייטאָג צונאַכטס. האָט ער נאָך אַלס נישט מחלל שבת געווען! ס'איז בסדר! ער

שטייט אויף, ער זאָגט ברכת התורה, און ער קען זיך שטעלן דאַווענען און זאָגן דיבורים פון שירות ותשבחות.

דער מענטש אליינס איז דער גרעסטער בוחן, וואָס קען עדות זאָגן אויף דעם יסוד פונעם אור החיים הק', אַז די עיקר שטער פאַר'ן שבת איז 'דברים בטלים'!

### עונג שבת יאָ, דיבורי חול נישט

אפילו ביי מאכלים גשמיים איז דאָ מדריגות דערביי, אָבער ס'שטייט נישט אַז אין דעם איז תלוי דער קדושת השבת! פונקט פאַרקערט, ס'איז גאָר דאָ אַן ענין פון "להתענג בתענוגים ברבורים ושלו ודגים". אפילו ביי גשמיות'דיגע זאַכן שטייט אין שלחן ערוך אַז דאָס האָט אַ הלכה פון עונג שבת. **אָבער דיבורים בטלים? דאָס שוין נישט!**

ווען אַ איד לערנט גלאַט שלחן ערוך הלכות

> **אַ מענטש קומט צו קידוש פרייטאָג צונאַכטס און ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין נשמה יתירה!**

שבת, קומט אויס דאָרט אַסאַך זאַכן וואָס מען מעג טון אום שבת. אָבער אפילו פאר פשוט'ע מענטשן קען שאָטן דברי חול!

דער אור החיים הק' זאָגט אונז פאַרוואָס ס'איז אַזוי: **ווייל די נשמה קומט פון אַ פלאַץ פון עונג,** ווען דו וועסט געבן פאַר די נשמה אַזעלכע סאָרט זאַכן פון גשמיות, אפילו ס'איז נישט קיין תענוג פאר די הויכע מדריגה, אָבער האסט נאָכנישט פוגם געווען די נשמה, האסט איר נאָכנישט געמאַכט שפירן אומבאַקוועם. **האסט טאַקע געגעסן נאָך אַביסל שאָקלאַד אָבער האסט נאָכנישט מבייש און מבזה געווען די נשמה דורכדעם.**

אָבער ווען אַ מענטש האָט גערעדט דיבורים וואָס איז ליידיג - ער האָט אָנגעהויבן פאַרברענגען 'על דא ועל הא', וואָס הערט זיך?! וואָס טוט זיך?! - **האָט ער יעצט פאַרפאַטשקעט זיין נשמה!** ס'איז ממש אַ שאָד, ער האָט אַרויסגענומען זיין חיות און ער האָט דאָס געלייגט ערגעץ אַנדערש. די נשמה טרעפט זיך שוין נישט דאָס פלאַץ!

ג

## לדעת כי אני ה' מקדשכם; ס'איז דאָ אַזויפיל גוטע זאַכן וואָס מ'קען יאָ רעדן אום שב"ק

### אָנגעקומען צו קידוש ליל שב"ק אָן די נשמה יתירה...

ס'קען זיין אַ מציאות אַז אַ מענטש קומט צו קידוש פרייטאָג צונאַכטס און ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין נשמה יתירה! ער האָט שוין נישט געברענגט די נשמה יתירה צו קידוש! **דאָס קען יעדער איינער שפירן.** מ'דאַרף נישט זיין קיין בעל מדריגה צו האָבן די הרגשה. מ'קען עס שפירן כפשוטו ממש.

נאָכדעם וואָס מ'האָט געדאַוונט 'לכו נרננה' מיט קבלת שבת און מעריב און מען גריסט זיך 'גוט שבת', איז דאָ אויך אַן ענין, מצד די הלכה אין שלחן ערוך, אַז מ'זאָל זיך מזרז זיין צו גיין מאַכן קידוש. מ'קען זיך צוגרייטן צו קידוש, אַ איד וויל זאָגן דעם שטיקל זוהר הק', ער וויל מעביר סדרה זיין. ביי צדיקים האָט מען זיך אַסאַך געגרייט צום קידוש, אָבער די זאַך פון 'דיבורים של חול' קומט זיכער נישט אַריין דאָרט!

### צדיקים האָבן זיך ממש געבעטן מ'זאָל אַכטונג געבן אויף די דיבורים שב"ק

דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן שפירן אַ טעם אין שבת קודש, האָט ער אונז געזאָגט "ושמרו בני ישראל את השבת" - גיב אַכטונג אויף דיין נשמה יתירה! אין זוהר הק' זעט מען אַז רשב"י רעדט זייער שטאַרק וועגן דעם ענין. צדיקים אין אַלע דורות האָבן זיך ממש געבעטן ביי די מענטשן וואָס האָבן זיך מסתופף געווען בצלם אַז זיי זאָלן נזהר זיין דערינען.

אדרבה, פרובירט עס עטליכע וואָכן. **ס'איז דאָ אַזויפיל גוטע זאַכן וואָס מ'קען יאָ רעדן.** היינט דאָ אַזויפיל גליונות פון אַלע סאָרטן וואָס מ'קען פון דאָרט פאַרציילן מעשיות. מ'קען זינגען זמירות שב"ק. מ'קען ווייטער זיין אַ נאָרמאַלער טאַטע אין שטוב מיט אַ שמייכל וואָס איז מסדר אַלע ענינים, ס'איז דאָ אַזויפיל זאַכן צו פאַרברענגען מיט יעדעס קינד פון יעדע יאָרגאַנג. מ'קען לערנען 'אבות ובנים' מיט די קינדער. מ'קען זיך אַראָפּלאָזן צו די קליינע קינדער. **דאָס באַדערט נישט פאר די נשמה יתירה, פאַרקערט, די נשמה האָט אַזוי הנאה דערפון!**

די נשמה יתירה דארף לאו דוקא אַז דער מענטש זאל לערנען זוהר הק', **ער דאַרף נאר איין זאַך: גיב אַכטונג אויף דיין מויל, מאַך אַ שמירה אויף דיינע דיבורים.** דער מויל איז מקשר דעם מענטש פון די העכסטע חלק פון דעת ביז די לעצטע חלק. די שמירה אויפ'ן דיבור האָט אַ כח צו האַלטן די קדושה ביי דעם מענטש.

### די וועג אָנצוקומען צו אַ טעם אין שב"ק איז זייער לייכט

ס'איז דאָ אַ הייליגע שטיקל אין ספה"ק **נועם אלימלך** - וואָס די יומא דהילולא קדישא איז די וואך - אויף די גמרא אין מסכת בבא בתרא "**הנותן בעין יפה הוא נותן**", אַז ווען אַ מוכר האָט פאַרקויפט פאר איינעם אַ הויז האָט ער אים נישט פאַרקויפט די וועג אָנצוקומען צו דעם הויז, אָבער איינער וואָס גיט אַ מתנה האָט עס מסתם געגעבן מיט אַן 'עין יפה', ער וויל נישט אַז דער מקבל מתנה זאל יעצט דאַרפן באַצאָלן אויב ער וויל דורכגיין דעם וועג אָנצוקומען צו זיין מתנה.

דאָס זעלבע זאָגט דער הייליגער **ר"ר אלימלך** זי"ע אַז שבת קודש האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן פאַר אַ מתנה, און די הלכה איז דאך אַז "הנותן בעין יפה הוא נותן" האָט ער אונז זיכער געגעבן דעם וועג וויאַזוי אָנצוקומען דערצו, צו האָבן דעם טעם און געשמאַק פון דעם שב"ק!

דער דרך וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן איז נישט קיין וועג וואָס מ'דאַרף קריכן הונדערט יאָר ביז מ'וועט דאָרט אָנקומען. יעדער איד וואָס פרובירט צו זיין אַן ערליכער איד קען זייער גרינג אָנקומען צו שפירן אַ טעם אין שב"ק. דער אויבערשטער זאָגט אים נאר: **גיב אַכטונג אַז דיין נשמה זאָל נישט אַוועקלויפן פון דיר!** אַ מענטש האָט דאָך באַקומען אַזאַ מתנה, ס'איז ממש אַן ענין פון "המאבד מה שנותנים לו"!

### אפילו דער געשמאַקער שמועסער קען אויסנוצן דאָס מויל צום גוטן

ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן נישט אַזאַ געברויך צו רעדן. כ'האָב אַמאָל געהערט וויאַזוי איינער האָט געוואָלט אַרויסברענגען אַ הגדרה אויף אַ צווייטן, האָט ער געזאָגט אַז ווען דו וועסט יענעם אַריינלייגן צווישן פיר ווענט פאר אַ לענגערע צייט און נאָך עטליכע יאָר וועסטו עפענען דעם צימער וואו ער איז געזיצן אַליין, וועט ער דיך זאָגן: "קענסט מיר נאָך געבן דאָ אַפּאָר מינוט? כ'דאַרף נאָך צוענדיגן..."

ווידעראום איז דאָ מענטשן וואָס זיי האָבן יאָ אַ צורך צו שמועסן. ער איז אַ געשמאַקער, אַ פאַרברענגער, ער האָט חברים, קענסט אים נישט יעצט לייגן אין אַ תפיסה אַגאַנץ שבת. אדרבה! **אַזאַ איד קען יאָ רעדן און פאַרברענגען!** ס'איז דאָ אַזויפיל זאַכן וואָס מ'קען זאָגן אויף אַזויפיל סאָרט אופנים. סיי פאַרברענגען מיט ווערטער און מעשיות פון צדיקים, ס'איז דאך אַזוי שבת'דיג און

וואַרעם און סיי קען מען זאָגן שיר השירים, מ'קען זאָגן תהלים, מ'קען לערנען אַזויפיל. מ'קען רעדן אַזויפיל דיבורים של קדושה אַזש מ'זאָל נישט קענען ענדיגן צו רעדן!

### יעדע מדריגה פון דיבורי קודש איז זייער חשוב

די הייליגע דיבורים טוט דאָס פאַרקערטע פון דיבורי חול, **עס ברענגט אַ קדושה אויפ'ן מענטש!** עס העלפט אים צו שפירן די נשמה יתירה נאָך שטאַרקער און טיפער.

דיבורים של קדושה איז פועל אַ קדושה, אפילו ביי די קלענסטע נידריגסטע מדריגה פון דיבורים. אפילו ווען מען רעדט נאַרישקייט מיט די קינדער, אויב ס'איז נישט קיין דברים בטלים וועט עס נישט אָנרירן דאָס מינדסטע די נשמה יתירה. ווען מען רעדט מיט אַ קינד זיין סאָרט שפּראַך: "וועלכע פּרשה גייט די וואך? פּרשת נח מיט אברהם אבינו", איז דאָס נישט קיין שום פּראָבלעם! די נאַרישקייטן וואָס מ'רעדט מיט די עלטערע- דאָס איז דער חורבן!

אַמאָל זאָגט אַ מענטש אַז ס'איז אים שווער זיך צו אַראָפּלאָזן, ער וויל בעסער רעדן טיפערע זאַכן מיט ערוואַקסענע, ווייל ער קען זיך נישט אַראָפּלאָזן. דער אמת איז אָבער אַז "ער וויל נישט אַרופגיין"! גיי אַרויף צו דיין קינד! גיי אַרויף צו די לויטערקייט און די תמימות פון די קינדער!

### מ'דאַרף מתפּלל זיין אויף סייעתא דשמיא און וויסן דעם אמת

אודאי מיינט דאָס נישט אַז ס'איז נישטאָ קיין יצר הרע אויף דעם ענין. ביי יום הכיפּורים שטייט אַז אין דעם הייליגן טאָג האָט דער שטן נישט קיין רשות, אָבער אויף שב"ק שטייט נישט אַזאַ זאַך. דער יצר הרע ווערט טאַקע אַביסל רואיגער אַזויווי מ'זאָגט אין 'כגונא', **אָבער מען דאַרף בעטן אויף סייעתא דשמיא**, מ'דאַרף מתפּלל זיין אַז מ'זאָל וויסן און האָבן אַ קלאָרקייט אין דעם ענין.

מ'דאַרף כאָטש געדענקן וואָס עס שטייט אין אור החיים הק', וואָס עס שטייט אין זוהר הק', וואָס אַלע צדיקים האָבן גע'חזר'ט און געבעטן פון זייערע תלמידים: **לאָז די נשמה יתירה בלייבן ביי דיר!** דער מענטש דאַרף לכל הפּחות וויסן וואָס עס באַדערט פאר די נשמה יתירה!

> **נעם אין חשבון אַז די נשמה יתירה האָט זייער נישט ליב קיין דברים בטלים!**

### יעדער האָט זיך זיינע זאַכן וואָס שטערט אים

אַ גוטע ביישפּיל דערצו איז יעדע סאָרט קאָמוניקאַציע צווישן מענטשן וועלכע דאַרפן זיך פאַרשטיין און צוזאַמלעבן. למשל מענטשן וואָס אַרבעטן אויף די זעלבע פּלאַץ, אָדער אַ שלום בית, אַלעמאָל איז דאָ אַזאַ מושג אַז ס'נעמט צייט ביז מען הייבט זיך אָן צו קענען און פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן.

אין דער ערשטער תקופה איז צומאָל דאָ מיספאַרשטענדעניש. קיינער האָט נישט געמיינט קיין שלעכטס, מען האָט זיך פּשוט נישט פאַרשטאַנען... אָבער איינמאָל מען באַקענט זיך מיט'ן אַנדערן קומט בדרך כלל אַרויס, אַז **יעדער מענטש האָט זיך זיינע זאַכן וואָס באַדערט אים שטאַרק**. ביי אַלע אַנדערע זאַכן קענסטו טון וואָס דו ווילסט געזונטערהייט, עס שטערט אים נישט, אָבער ער האָט זיך זיינע זאַכן וואָס דאָרט איז ער הייקל. איין מענטש איז גאָר שטאַרק מקפּיד אַז מ'זאָל זיין צייטליך מיט די זמנים, אַ צווייטער גיט זייער שטאַרק אַכטונג אויף זיין אויסערליכע סטאַטוס א.א.וו. חוץ מזה איז ער זייער אַ געשמאַקער, אָבער ס'איז דאָ די פּרטים וואָס רירט אים אָן.

### די נשמה יתירה קען פאַרנעמען אַסאַך, אָבער נישט קיין דברים בטלים

אין אַ געוויסן זין קען מען זאָגן די זעלבע זאַך לגבי שבת קודש; ס'איז אפשר גערעדט אויף אַ קליינע מדריגה, אָבער דאָס איז כאָטש וואָס מיר דאַרפן הערן.

די נשמה יתירה וואָס קומט אַריין צו אַ איד קען פאַרנעמען אַסאַך זאַכן. אודאי איז דאָ הויכע מדריגות פון זיך גענצליך מסיח דעת זיין פון גשמיות, אָבער די נשמה יתירה לויפט נאָכנישט אַוועק פונעם מענטש ווען ער עסט מטעמים און מאכלים, אָדער ווען דער מענטש שלאָפט אַביסל מער. אָבער **נעם אין חשבון אַז די נשמה יתירה האָט זייער נישט ליב קיין דברים בטלים!** עס ווערט זייער ברוגז און עס לויפט אַוועק!

### דאָס מויל איז די ערשטע אַריינגאַנג צו אַ זיסקייט אין שבת

אַז מען ווייסט דאָס קען דאָס געבן אַסאַך קלאָרקייט פאר אַ מענטש אין יעדע סאָרט מצב. אמאל געפינט זיך דער מענטש אויף שבת צווישן חסידים ואנשי מעשה, און אַמאָל האָט ער נישט די גאַנצע אַרומיגע אַטמאָספערע, אַמאָל קען אַ מענטש זיין אין שפּיטאָל אויף שבת, אָבער אויב מען געדענקט דעם כלל, דעמאָלט וועט מען האָבן אַ לעכטיגן שבת!

אפילו אויב מען האָט נישט די וואַרימע דאַווענען ברוב עם, וואָס איז זיכער אַז ס'גיט צו צום טעם אין אַ שבת, אָבער דער עיקר איז אַז מ'זאָל זיך אַכטונג געבן דאָס מויל. דעריבער זעט מען אַסאַך מאָל אַז אַ מענטש איז געווען איינער אליינס ערגעץ אויף שבת און ער האָט געהאַט אַ מורא'דיגע געפיל אינעם שבת, **ווייל ס'איז נישט געווען קיין סיבה וואָס זאָל אים אַוועקנעמען די נשמה יתירה!**

צו שפּירן די נשמה יתירה איז לאו דוקא אָנגעהאָנגען אין וועלכע 'מנוחה ושמחה' מען זינגט, הגם דאָס העלפט אודאי שטאַרק צו. די נשמה יתירה איז אָבער יאָ אָנגעהאָנגען אין **וויפיל מען האָט גענוצט דאָס מויל ריכטיג**. אז אַ מענטש וועט עס בודק זיין וועט ער זען אַז אַזוי אַרבעט עס!

דער רבוש"ע זאָגט פאר משה רבינו: "לך והודיעם, לדעת כי אני ה' מקדשכם", **אַ מענטש קען זוכה זיין צו אַלע גוטע מדריגות דורך זיך אַכטונג געבן פון דברים בטלים אום שבת.** שפּעטער ווען מען איז שוין טועם דעם גוטן טעם, וויל מען שוין אַסאַך מער דערפון, אָבער דאָס איז די ערשטע אַריינגאַנג צו שפּירן דעם נועם השבת!


פטרון השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נדבת ידידנו הר"ר **מנחם בצלאל גאטטעסמאן** הי"ו
**לרגל נישואי בתו הכלה החשובה שתחי'**
עב"ג הבה"ח **יצחק יעקב פישמאן** נ"י
ביום כ"א אדר ב' הבעל"ט
יהי רצון שהזווג יעלה יפה למזל טוב ויזכו לבנות בית נאמן בישראל

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הבינוני: ארה"ב - 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223